דאס אז יצחק זאגט גבור בארץ יהי' זרעו וגו', און כל כלי יוצר לא יצלח זאגט דוד, וואס ענינו איז אדמוני ויפה עינים, ער קען עס אויפטאן.

והיות אז יעדער יאר איז בעזונדער סדר אין בירורים איז פאראן בכל שנה די קס"ד, און דער רשב"י טוט אויף אז אויך בשנה זו קען עס ניט זיין.

ובאותיות פשוטים איז דאס אז מצד דעם וואס דער אויבערשטער איז ארך אפים, קען נמשך ווערן השפעות אויך צו לעו"ז. טענה'ן אבער אידן צום אויבערשטען אז עס איז שוין גענוג כוחות וואס מען האט געגעבן צו אוה"ע, און עס איז שוין צייט עס זאל זיין א מפלה צו די אלע וואס טשעפען זיך מיט ירושלים ועם ישראל וכו'.

און דאס זאל זיין ניט אין אן אופן פון מושלה וכו', נאר מען פארלאזט זיך אויף דוד שענינו אז וואס ער גייט מיט א תוקף, וואס ער האט אויפגעבויט ציון וירושלים. און ער וועט פועל'ן רעם כל כלי יוצר וכו'.

און ווי דוד אליין זאגט אז דוד מלך ישראל חי וקים, אז זיין הנהגה איז נאך פאראן איצטער, ווארום ער איז חי וקים בכל שנה ושנה ובכל חודש וחודש ווי מ'זאגט בקידוש החודש דוד מלך ישראל חי וקים.

ויקויים ברכתו של יצחק אז הון ועושר בביתו וכו' עס זאל זיין פרנסה בהרחבה, במילא וועט שפעטער זיין גרינגער פאר דוד אויף יבוף כל ישראל וילחום מלחמת ה' (וואס יעמולט וועט זיין דער ענין פון כל כלי יוצר), וינצח, ויבנה ביהמ"ק ויקבץ נדחי ישראל בטוב ובחסד ובטוב הנראה והנגלה, ובהקדמה לזה נאך פאר די אתחלתא דגאולה, דארף זיין ברכתו של יצחק אז גבור בארץ יהי' זרעו, כנ"ל, און ווי עס איז ביי די אושפיזין, אז יצחק קומט כמה ימים לפני דוד, ואין מקרא יוצא מידי פשוטו למטה מעשרה טפחים בטוב הנראה והנגלה.

(כ"ק אדמו"ר שליט"א נתן לכמה להלק בקבוקי יי"ש (שהיו מונחים על שלחנו) בין הנוכחים ואח"כ קרא לאחד מהעולים החדשים, וגם מנהלת הר הב"ד ונתן להם יי"ש לחלק).

ה. אזוי ווי מארגן איז דאך פאראן דער כינוס פון צעירי אגודת חב"ד, וואס ענינם איז כשמם "צעירי" אז זייער ענין איז אליין ניט שלאפען און ניט לאזען א צווייטן שלאפען, ד.ה. אויך געבן א צווייטן חיות, ווארום שינה איז דאך אחד משישים וכו' און בשעת מען לאזט ניט שלאפן גיט מען חיות א צווייטן אירן.

איז כאן המקום אויף ריירען וועגן דעם ענין פון שלאפען אין סוכה וואס דער מנהג ביי חסידי חב"ד איז אז מ'שלאפט ניט אין סוכה, וואס לכאו' אינו מובן פארוואס מ'שלאפט טאקע ניט אין סוכה?

עס איז טאקע ידוע דער ווארט פון דעם מיטעלען רבי'ן, וואס ער האט געזאגט אז ווי קען מען שלאפען אין סוכה, איז דאך אבער ברור אז דער ענין ווי עס איז בחסידות ובפנימיות התורה

איז ניט סותר ח"ו צו דעם ענין ווי עס איז ע"פ נגלה דתורה נאר עס איז בלויז א תוספות ביאור אין דעם ענין ווי עס איז ע"פ נגלה דתורה, וכמובן פון דעם וואס נגלה דתורה ופנימיות התורה זיינען כגוף ונשמה, ווי די משנה אליין זאגט הן הן גופי תורה, און אויך פנה"ת שטייט אין זוהר אז עס איז נשמתא דאורייתא אדער נשמתא לנשמתא, און א גוף ונשמה איז דאך זיכער אז די נשמה קריגט ניט אויף דעם גוף, ואדרבה די נשמה באלעבט דעם גוף.

איז דאך זיכער מובן אויך בעניננו אז דער ביאור עפ"י פנימיות התורה איז ניט סותר צום פס"ד בנגלה, נאר אדרבה דורך פנה"ת קריגט מען א ריכטיקע הבנה והשגה אין דעם פס"ד ע"פ נגלה.

ולכאורה איז אבער דעם מיטעלען רבי'נס וואדס סותר דעם פס"ד אז מ'דארף יע שלאפן בסוכה, וואס דאס שטייט ניט בלויז אין אחרונים וכו' נאר עס שטייט אפילו אין גמרא, [וואס אפילו א ענין פון די אחרונים איז אויך תורה, וכ"ש אז עס ווערט דערמאנט אין גמרא] און ברייגגט זיך אין ראשונים ביז אין שו"ע, און אויך דער אלטער רבי אין שו"ע פסק'נט אזוי, וזהו כל ענין הסוכה אז עס זאל זיין תשבו כעין תדורו, האט דאך לכאורה עפ"י פשטות יע גע-דארפט זיין דער ענין פון שינה בסוכה?

מען קען ניט זאגען אז דאס וואס די רביים זיינען ניט געשלאפען אין סוכה איז דאס מצד אי נעימות וכו', ווארום זיי וואלט דאך זיכער מקיים געווען די מצוה בשלימות אפילו אויב עס איז ניט אויף אזוי פיל נעימות, ובפרט אז עס איז געווען זמנים וואס עס איז געווען ווארעם וכו', אדער מען האט געקענט אנווארעמען, אדער עס איז געווען א חדר בבית וואס מ'האט אראפ-גענומען דעם דאך און ארויפגעלייגט סכך, ובמילא איז ניט געווען דער ענין פון צינה וקור וכו', דארף מען דאך פארשטיין פארוואס זיינען זיי ניט געשלאפען אין סוכה?

וואס אפילו אהן דעם ביאור אז פנה"ת מוז שטימען מיט נגלה, דארף מען אויך פארשטיין ווי אזוי שטימט אט-די הנהגה מיט נגלה?

(הפסיק קצת ואמר:) עס שטייט דאך כל העוסק בתורת עולה כאלו הקריב עולה, און ווי די גמ' זאגט אין מנחות אז אין צריך לקרבן, ווייל עס טוט זיך אויף ענין העולה, במילא בשעת מען רעדט וועגען שלאפען אין סוכה קען מען איינשלאפען בפועל, איז די איינציגע עצה לזה אז מען זאל זאגען לחיים און זינגען א ניגון שמח. (חסר קצת).

ו. וועט מען דאס פארשטיין בהקדים דאס וואס די גמרא זאגט אין סוכה (לב,ב) לגבי הדסים, וואס דארפן זיין ענף עץ עבות, ד.ה. אז דריי בלעטלאך דארפן ארויס גייען מקנה אחד, זאגט ר' כהנא אז אפילו תרי וחד, אז צוויי גייען ארויס מקנה אחד, און אנאנדער בלעטל אונטער זיי, איז אויך כשר.

אע"פ אז עס דארף זיין עבות, זאגט אבער ר"כ אז היות די וואס וואקסט אונטער די צוויי איז עולה און צומישט זיך מיט די אנדערע צוויי, איז עס אויך עבות, און ס'איז כשר.

הנחת הת' בלתי מוגה

זאגט די גמרא אז ר׳ אחא בדי׳ דדבא מהדר אחרי וחד, אז ער האט געניצט די וועלכע זיינען געווען צוויי מקנה אחד והג׳ מלמטה מהם, און די גמ׳ זאגט דעם טעם אויף דעם הואיל ונפק מפומי׳ דר׳ כהנא.

טייטשט רש"י אז אע"ג דתלתא בחד קינא כ"ש דכשר הואיל ונפק מפומי׳ דר"כ, אז אע"פ אפילו לויט ר"כ איז ג׳ בקנה א׳ זיכער כשר ווי ר"כ אליין זאגט <u>אפילו</u> תרי וחד, ד.ה. אז ג׳ בקנה א׳ איז זיכער גוט, אעפ"כ פלעגט ער נוצן תרי וחד. די הסברה בזה: וויבאלד אז דאס איז געווען א אופטוא פון ר׳ כהנא איז דאס געווען חביב עליו, ובמילא וויבאלד ער האט געוואלט מקיים זיין די מצוה בתכלית השלימות, און א חידוש בתורה - וכ"ש זיין רבי׳נס א חידוש - איז חביב, במילא דארף ער נעמען אזא הדס. וכמ"ש כל חלב להוי׳, וויבאלד אז דאס איז ביי איהם חביב דארף ער דאס אויסניצן פאר א מצוה. ד.ה. מצד ר"א׳ס התקשרות צו זיין רבי׳ן איז עס ביי אים געווען חביב, דארף ער ע"פ דין נעמען דאס, מצד כל חלב להוי׳.

אע"פ אז איצטער זאגט מען אז עס דארף זיין ג׳ מקנה אחד, און תרי וחד איז בלויז בדיעבד כשר, וויבאלד אבער אז ר"א איז געווען תלמידו של ר׳ כהנא איז זיין פס"ד חביב עליו וכו׳, איז מצד התקשרות לרבו איז אויף אים חל עפ"י דין אז ער דארף עס נוצען פאר א מצוה.

עד"ז קען מען זאגען אין אונזער עניין: דער מיטעלער רבי האט דאך געזאגט ווי אזוי קען מען שלאפען אין א סוכה; מצד דעם וואס א סוכה איז דער עניין פון מקיפים דבינה, איז ניט נוגע צי ער פילט יע, צי ער פילט ניט, און אע"פ ער קען שלאפען ושנתו ערבה לו, ער ווייס אבער אז דער מיטעלער רבי זאגט אז עס איז מקיפים דבינה, און דאס ווערט נמשך וכו׳, און עס פועל׳ט אויף איהם בדיבור ובעשי׳ ע"י רמ"ח איבריו ושס"ה גידיו,

[ניט ווי אנדערע מקיפים, ווי דער מקיף פון טלית וואס איז פריסו <u>דמלבש</u>, ועניינו פועל׳ן קב"ע, איז אמאל פילט ער עס, און אמאל ניט, אמאל פועל׳ט עס אויף אים קב"ע און אמאל ניט, אבער אין סוכה מאכט ער דאך א ברכה און מ׳ענטפערט אמן, וואס דאס באווייזט אז אזוי איז דאס, און עס איז קיין נפק"מ ניט צי ער פילט יע צי ער פילט ניט; עס איז אלעמאל דער עניין פון הקפת כולו ושולחנו <u>במצוה</u>. משא"כ בטלית צריכים לכוין לקבל עדמ"ש (כי בטלית אין קדושה משא"כ בדפנות)].

במילא קען ער ניט שלאפען אין סוכה ווארום דעם מיטעלן רבי׳נס ווארט שטערט איהם.

גלייך ווי ער דערמאנט זיך דעם מיטעלן רבי׳נס ווארט שטערט עס איהם זיין שלאף, און אפילו אז ער איז ניט קיין געוואלדיקער חסיד, והראי׳, אז ער ווערט יע אנטשלאפען, שעמט ער זיך אבער פאר זיך אליין היתכן, ווי קען סטו שלאפען אין א סוכה בשעת דער מיטעלער רבי האט געזאגט ווי קען מען שלאפן אין א סוכה! און אפילו אויב דאס דערנעמט איהם ניט, איז ער זיך אבער מצטער אויף דעם גופא פארוואס דעם מיטעלן רבי׳נס ווארט ארט אים ניט.

ובמילא איז ער א מצטער, ומצטער איז עפ"י דין פטור פון
א סוכה.

און עס איז ניט קיין נפק"מ פון וואס דער צער קומט, ווי-
באלד אז בפועל ווייס ער דעם מיטעלן רבי'נס ווארט, און אויב
ער וועט שלאפען אין סוכה, איז ווען ער וועט זיך אויפכאפן אין
מיטן נאכט וועט איהם ארן ווי קען ער שלאפען אין סוכה, און עס
וועט שטערן זיין שלאף, איז דאס א ענין פון מצטער.

דאס איז אבער לכאו' תלוי אין א מחלוקת פון רש"י ותוס'.
אויף מצטער פטור מן הסוכה זאגט רש"י (סוכה כה,ב ד"ה צערא)
שהסוכה מצערתו, און תוס' זאגט אז וויבאלד עס דארף זיין תשבו
כעין תדורו, איז אויב ער האט צער אין א אופן אז אויב ער וואלט
געהאט אזא צער בביתו וואלט ער זיך איבער געקליבען במקום שני,
איז אויך ביי סוכה דער דין אז ער איז פטור מן הסוכה.

לכאורה קומט אויס אז די נפק"מ צווישן רש"י און תוס'
איז, אויב דער צער איז ניט פון סוכה אליין, אז לויט תוס' איז
ניטא קיין נפק"מ פון וואס דער צער איז, אפילו פון א זייטיקער
ענין, וויבאלד אז בפועל האט ער צער, וואלט ער דאך מביתו אוועק
למקום אחר, איז ער אויך פטור מן הסוכה.

לשיטת רש"י אבער קומט אויס אז עס דארף זיין שהסוכה מצערתו,
אז דער צער זאל קומען פון די סוכה אליין, ווי ריח הסכך וכו',
דוקא דעמאלט איז ער פטור.

בנוגע לעניננו: דא איז דאך ניט דער צער פון דעם סוכה
אליין, נאהר ער איז מיצר ודואג פארוואס ער איז מגושם בהרגש
נפשו, און ער פילט ניט דאס וואס דער מיטעלער רבי האט געזאגט
אז ווי קען מען שלאפען אין סוכה וכו', איז לכאורה לפי שיטת
רש"י דארף אויס קומען אז בכה"ג זאל ער זיין מחויב.

און ווי מען געפינט חילוק כזה בכמה וכמה מקומות:

דער רמב"ם זאגט אין הל' יסוה"ת (פ"ה ה"ד) בנוגע די
ענינים וואס אויף זיי שטייט יהרג ואל יעבור אז אויב עבר ולא
נהרג איז מפני שעבר באונס אין מלקין אותו ואצ"ל שאין ממיתין
אותו וכו' שאין מלקין וממיתין אלא לעובר ברצונו וכו'.

פרעגט מען אויף דעם א סתירה פון דעם וואס דער רמב"ם
זאגט מיט דריי הלכות ווייטער. ער זאגט אז מי שחלה למות ואמרו
הרופאים שרפואתו בדבר פלוני מאיסורין שבתורה עושין ומתרפאין
בכל איסורין שבתורה במקום סכנה חוץ מע"ז וג"ע וש"ד שאפילו
במקום סכנה אין מתרפאין בהן, ואם עבר ונתרפא עונשין אותו בי"ד
עונש הראוי' לו.

ולכאורה וואס איז די נפק"מ, אויך דא איז ער א אונס וואס
ער איז א חולה, ולמה עונשים אותו?

שטייט אויף דעם (בס' אוהלי יוסף סוף דיני קדוש השם
בשם חמדת שלמה חאו"ח סי' ל"ח) דער חילוק ע"ד הנ"ל: דארטן
איז דער אונס אין דעם איסור גופא, וואס מען איז אים מכריח
ער זאל עובר זיין ע"ז, און טאמער ניט וועט מען אים הרג'נען,
האט ער דאך עובר געווען אויף די זאך וואס מ'האט אים מכריח

געוועץ. משא"כ ביי רפואה איז דער אונס וואס ער איז א חולה, די רפואה אבער טוט ער און ער נעמט מרצונו הטוב, ד.ה. אז ברצונו הטוב איז ער עובד ע"ז דערפאר עונשים אותו.

עד"ז געפינט מען בנוגע לשדה - בנוגע לסיקריקון. וואס דער דין איז אז אויב מען נייט איינעם אוועק געבן א פעלד, און אויב ער וועט עס ניט אפגעבן וועט מען אים הרג'נען, איז דאס ניט קיין נתינה, וויבאלד אז דאס טוט ער ניט מרצונו, נאהר מחמת האונס, אויב אבער אז מען וויל איהם הרג'נען, נאר ע"י נתינת השדה וועט מען איהם אפלאזן, דעמאלט איז עס יע א נתינה.

ולכאורה וואס איז די נפק"מ, איןביידע איז דאך דאס באונס?

איז דער צ"צ (בחידושיו על הש"ס בכתובות פ"ב מ"ט, ובגיטין פ"ה מ"ו) מסביר, אז אין דעם פאל וואס מ'צווינגט אים געבן די פעלד, איז דאך דער אונס אויף די נתינה, איז די נתינה קיין נתינה ניט, משא"כ וואו מ'וויל אים הרג'נען סתם אזוי, נאר ע"י נתינת השדה קאן ער זיך ראטעווען, שענקט ער דאך אוועק די פעלד מרצונו הטוב, בכדי מען זאל איהם אפלאזן, איז די נתינה ניט באונס, און עס איז א נתינה.

ועד"ז איז פאראן כמה וכמה דוגמאות צי דער אונס איז אין דעם ענין אליין, צי אין א זייטיגע זאך.

אזוי איז עס אויך בנדו"ד אז עס איז פאראן א חילוק צי דער צער איז פון די סוכה אליין, אדער מצד אנאנדער ענין - מצד דעם וואס ער פילט ניט דעם מיטעלן רבי'נס ווארט.

באמת אבער קריגט רש"י ניט אויף תוס', ווי מ'זעט אז דער דין איז אז ניט דוקא אויב דער צער קומט פון ריח הסכך איז ער פטור, נאר אפילו אויב עס איז יורד גשם איז ער אויך פטור, אע"פ אז דער צער קומט ניט פון דער סוכה אליין, נאהר פון דעם גשם, איז ניט קיין חילוק.

במילא איז מובן אויך בענינגו, אז וויבאלד ער האט צער פארוואס ער איז א מגושם און ער פילט ניט דעם מיטעלן רבי'נס ווארט, און אפי' אז דאס ארט אים ניט, ארט אים אבער דאס גופא פארוואס עס ארט אים ניט, איז ער א מצטער, איז ער פטור.

דעריבער איז טאקע די עולם'ישע, וואס זיי ווייסן ניט פון דעם ענין וואס דער מיטעלער רבי האט געזאגט, זיינען זיי מחויב שלאפן אין סוכה, א חסיד אבער, וויבאלד עס גיט אים א קאלופע, דעם מיטעלן רבי'נס ווארט, איז ער ע"פ דין פטור פון שלאפן אין סוכה.

דא קומט צו נאך א ענין וואס מען דארף גיט מפרסם זיין, אז ניט נאר אז מ'איז פטור פון שלאפן אין סוכה, נאר מען זאל טאקע ניט שלאפן אין סוכה, וויבאלד אז עפ"י דין איז מען פטור, איז פארוואס זאלסטו זיך שפארן שלאפען אין סוכה, באווייזען אז דו ביזט א גראבער מענטש און עס ארט דיר ניט וואס דער מיטעלער רבי האט געזאגט, און דו קענסט יע שלאפען אין סוכה,

פארוואס מען זאל עס נישט מפרסם זיין, איז ווייל אנדערע,

חסידישע אידן, האבן זיי מיר געפרעגט צי זיי זאלן שלאפן אין סוכה, האב איך זיי געענטפערט אז זיי קענען שלאפן געזונטערהייט ושכבת וערבה שנתך,

אבער פארוואס דארפסטו שלאפן אין סוכה?! דער רבי איז ניט געשלאפן אין סוכה! און ער וואלט זיכער מקיים געווען א מצוה בשלימות. וואס דאס מעג מען יע מפרסם זיין, ווארום אלע ווייסען אז דער רבי איז ניט געשלאפן בסוכה. אע"פ אז די סוכה איז געווען דא, און מ'האט עס געקענט אנווארעמען.

עס איז א דין מפורש אז המצטער פטור מן הסוכה, קען מען שלאפן געזונטערהייט בבית, ושכבת וערבה שנתיך וכו'. עכ"פ בגלוי ניט באוויזן אז ער שטייט ניט אין דער-דרגה אז דעם מיטעלן רבי'נס א ווארט ארט אים.

דעריבער בשעת עס איז נתגלה געווארן דער אור, און דער מיטעלער רבי האט מגלה געווען אז סוכה איז דער ענין פון מקיפים דבינה ונמשך בכאו"א וכו', דעמאלט ווערט ע"פ נגלה א ענין פון מצטער ופטור.

דאס רעדט מען אפילו וועגען א שינה של מצוה, אז מ'זאל נישט שלאפען אין סוכה. כ"ש א שינה וואס איז רשות, ווער רעדט נאך א שינה פון היפך, אז בשעת מען הייסט גיין ריידן מיט א אידן וועגען תפילין און וועגען תומ"צ און ער וויל שלאפן, דאס טאהר זיכער ניט זיין אין סוכה.

וואס עס זיינען פאראן א סאך אידן וואס מען דארף זיי אויף וועקען צו תומ"צ, ווארום זיי שלאפען, און אין א טיפען שלאף, און זיי ווייסען ניט וואס עס טוט זיך ארום זיי.

האט מען אפגעגעבן אט דער זכות צו יחידי סגולה, [וואס באמת איז דאס מער ווי יחידי סגולה, נאר וויבאלד מען דארף דאך דורכנעמען די וועלט, במילא דארפן זיין כמה וכמה יחידים און בערך וויפיל עס דארף זיין איז עס יחידי סגולה], וואס זייער ענין איז אויף וועקען אנאנדער אידן.

ווארום אע"פ עס איז אני ישנה בגלותא, איז אבער ולבי ער די הארץ פון יעדער אידן איז וואך צום אויבערשטען און צו תומ"צ,

און דער אויבערשטער בעט זיך קול דודי דופק פתחי לי, און ס'איז א דבר בטוח אז אויב מ'וועט אנקלאפן ביי אידן אויף'ן טיר וועט זיך די טיר עפענען, און בשעת מען עפענט ביי זיך און ביי יענעם, דעמאלט טוט דער אויבערשטער כל התלוי בו, אז ער וועט עפענען כפתחו של אולם, ביז אז מען וועט זוכה זיין צו דעם אולם פון בית המקדש השלישי וכו', בקרוב ממש.

(כ"ק אדמו"ר שליט"א צוה לא' לנגן קול דודי, ואח"כ נתן את החלה ומזונות וי"ש שהיו מונחים על שלחנו עבור הכינוס של צא"ח, ואח"כ צוה לנגן אום אני חומה פון הושענות, ואח"כ צוה לנגן דעם ניגון וואס צא"ח האט גענומען, כי אנו עמיך, ואח"כ אמר:)

עס איז דא נאך א ענין אין נגלה וואס מ'האט געפרעגט

מעשה, מתוך שמחה וטוב לבב ביז אין א אופן פון ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה, און דאן איז ניט נאר אז מ'שעמט זיך ניט פאר גוים נאר אדרבה, ונברכו בך כל משפחות האדמה און אפי' בזרעך.

ויה"ר עס זאל אזוי זיין בעגלא דידן, און וואס מיט א רגע פריער אלץ בעסער, ווארום וואס מיט א רגע פריער איז מען מקרב מיט א רגע די גאולה האמיתית והשלימה, וואס דאס וועט מקוים ווערן דער ונברכו בך כל משפחות האדמה, און עס וועט זיין אומר לצפון תני ולתימן אל תכלאי, און מ'וועט גיין לארצינו הקדושה תבנה ותכונן במהרה בימינו ע"י משיח צדקינו בעגלא דידן.

* * *

ט. עס איז נאך געבליבן כמה ענינים צו פארענדיקן בנוגע לשינה בסוכה ובנוגע לנוי סוכה, וואס עס איז פאראן אין דעם ביאורים ע"פ פנימיות התורה, עס איז אבער זעלבסטפארשטענדלעך, אז דאס מוז אויך האבן א ביאור ע"פ נגלה, און ווי פארשטאנדיק דערפון וואס נגלה ווערט אנגערופן גופי תורה, און נסתר דתורה ווערט אנגערופן נשמתא דאורייתא, און ווי ער זאגט אין זהר פ' בהעלותך, אז דאס הייסט נשמתא אדער נשמתא לנשמתא, און מובן אז גוף ונשמה מוזן שטימען צווישן זיך.

דערפאר איז פון א ענין ווי ער איז בנגלה קען מען פארשטיין ע"פ פנימיות, ועד"ז פארקערט אז פון א מנהג ע"פ פנימיות התורה קען מער פארשטיין ווי דער ענין איז ע"פ נגלה, און ווי דער רמב"ם זאגט אז א מנהג ישראל וועלכע איז נתקבל געווארן ברוב תפוצות ישראל איז חל אויף דעם לא תסור. אע"פ אז בשעת עס איז א מחלוקת פון קבלה און נגלה איז הלכה כנגלה, איז אבער בשעת אין נגלה גופא איז דער ענין נישט ברור, דאן איז קבלה דער מכריע.

די באורים וואס מ'גיט ע"פ חסידות מוזן זיי אויך זיין אויסגעהאלטן ע"פ נגלה. ע"כ די ביאורים בנוגע שינה בסוכה ונוי סוכה וואס מ'איז זיך ניט נוהג בא חב"ד, מוז דאס אויך האבן א ביאור ע"פ נגלה.

עד"ז איז נאך אויך פארבליבן ריידען אין דעם סיום אויף מסכת מנחות (מהתוועדות ד' תשרי), וכנ"ל אז מ'וועט ריידן נקודות וואס מ'האט נאך נישט מבאר געווען.

צוליב דער איחור הזמן און פארמעטערטקייט, וואס יעדערע איז פארמאטערט פון זיך, און פון די ריקודים, פארמאטערט פון מיר, וועט מען אנטשלאפן, דא איז דאך אבער נישט קיין סוכה, איז נישטא קיין מקיפים דבינה...

לכאורה פארוואס איז חב"ד ניט מקפיד בנוגע שינה בסוכה, מ'קען נישט זאגן אז דאס איז צוליב די שווערעקייטן וואס ווערן אויסגערעכנט אין שו"ע, ווארום די שווערקייטן זיינען ניט תופס מקום, און מ'טוט נאך שווערערע זאכן.

איז אבער ידוע דאס וואס מ'האט געפרעגט בא איינעם פון די ערשטע רביים פון חב"ד, פארוואס מ'שלאפט ניט אין סוכה, און ער האט געענטפערט אז סוכה איז דאס מקיפים דבינה, איז ווי קען מען שלאפן אין מקיפים דבינה.

דער ענין פון מקיפים דבינה בפשטות איז - כדי צו זען אלקות און האבן אין דעם הכרה דארף דאס זיין דורך התבוננות, בשעת ער זעט אז יש בעה"ב לבירה זו וכו', קומט ער צו הכרה צו אלקות, די הכרה איז אבער מדוד ומוגבל לויט די התבוננות וואס ער האט אין די עניני העולם, וואס די התבוננות איז מבוארת באריכות אין ספרי מוסר, אין חובת הלבבות ובכ"מ, בשעת עס איז דער שאו מרום עיניכם איז וראו מי ברא אלה, קען מען זען אלקות, און טאמער עס איז ניט מספיק דער התבוננות אין עוה"ז התחתון בצבא הארץ, איז ער זיך מתבונן אין צבא השמים, וואס מ'מיינט צבא השמים כפשוטו, ואין מקרא יוצא מידי פשוטו, ווי עס שטיט כי אראה שמיך מעשה אצבעותיך ירח וכוכבים אשר כוננת,



הנחה פרטית בלתי מוגה

וואס דאס איז דער הכנה צו תפלה, ווארום פאר תפלה דארף זיין התבוננות כהפסק אז אין עומדים להתפלל אלא מתוך כובד ראש.

וויפל אלקות אבער נעמט ער מיט די התבוננות, דאס איז תלוי אין דער התבוננות בעניני העולם. וואס די התבוננות קומט בא אים אראפ אין א פנימי'.

ס'איז אבער דא א ענין וואס קומט אראפ באופן מקיפי, וכלשון הקבלה והחסידות, איז דאס דער חילוק פון ז"א און בינה, וואס ז"א איז דאס דער ענין פון ששה מדות, כמבואר בזהר, וכמבואר בתשובות הרשב"א אז אלע עניני העולם ווערן נכלל אין די שבעת ימי ההיקף, אין דער מספר פון שבעה. וואס תשובת הרשב"א איז נאך בזמנו געווען מחלק הנגלה שבתורה.

עד"ז איז אויך מבואר אין חסידות, וואס מ'פרעגט די קשיא אויף דעם וואס עס שטייט ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ, אז לכאורה וואלט געדארפט שטיין בששת ימים, וואס דאן וואלט געווען דער פי' אז אין זעקס טעג האט ער באשאפן די וועלט, און דער תי' איז אז די ששת ימים, גייט דאס אויף די ששת ימים העליונים, אויף די ו' מדות,, און מיט זיי האט ער באשאפן שמים וארץ.

דערפון זעט מען אז ששת מדות - ז"א, האט דאס א שייכות צו וועלט, וואס דערפאר בשעת עס איז פאראן א התבוננות באלקות ע"י עניני העולם, נעמט מען אלקות בלויז באופן דמקיפים דז"א ומל'.

משא"כ ספי' הבינה, ווייזט אז ער האט התבוננות באלקות וואס איז העכער פון עניני העולם, און דאס קען מען נישט אריינעמען באופן פנימי, נאר עס בלייבט בא אים באופן מקיפי, עס נעמט אים ארום ווארום עס איז העכער פון שכל.

אט דער ענין דריקט זיך אויס אין מצות סוכה, וואס ענינו של הסוכה איז אויך אז עס איז מקיף און נעמט ארום דער גאנצן מענטשן, און עס איז מקיף נאך מער פון טלית, ווארום א טלית דארף בלויז מקיף זיין דער אדם אליין, משא"כ סוכה דארף מקיף זיין דער אדם מיט שולחנו וכו', מיט זיינע כלים, וכהדין אז מ'דארף אריינברענגען די כלים אין סוכה, ד.ה. אז אלע זיינע ענינים דארפן זיין תוך דפנות הסוכה ותחת סכך כשר, ווארום עס דארף זיין תשבו כעין תדורו,

- אע"פ אז עס איז ניט קיין עיכוב אז כלי תשמישו זאלן זיין בסוכה, איז אבער אכילתו מוז זיין בסוכה, און עס איז מעכב, אבער ניט כליו, ווארום אויב ער איז בסוכה א' און כליו זיינען בסוכה אחרת מאכט ניט אויס, אבער אכילה מוז זיין בסוכה -

פון דעם איז פארשטאנדיק אז ענין הסוכה איז ניט בלויז א ענין וואס מ'נעמט אריין אין א פנימיות, נאר ער איז אויף עניני מקיף, וכנ"ל מקיפים דבינה.

בשעת מ'רעדט אבער וועגן שלאפן, און ווי די גמרא זאגט אז איינער זאגט שבועה שלא אישן ג' ימים מלקין אותו וישן לאלתר, ווארום עס איז אומעגליך אז א מענטש זאל ניט שלאפן קיין ג' ימים, ניט ווי בא מלאכים וואס זיי געפינען זיך אין א עולם שאין בו עייפות, און זיי דארפן ניט אנקומען צו שלאפן, משא"כ א מענטש, מוז ער אנקומען צו שינה ולא ברא הקב"ה דבר בעולמו לבטלה.

בשעת אבער עס איז סוכות און עס איז מאיר מקיפים דבינה, וואס דאס איז למעלה מעלה, דאן איז חבל על הזמן וואס ער וועט שלאפן בשעת ער איז אין סוכה, וממילא קען ער בפועל דארט נישט שלאפן.

דער ביאור כפשוטו אין דעם איז:

בשעת אלקות איז מאיר אין אזא גרויסער אור ווי מקיפי בינה, ווי קען מען



הנחה פרטית בלתי מוגה

שלאפן, דאס שטערט אים צו שלאפן, וואס דאס איז דער ביאור ע"פ חסידות.

לכאורה איז אבער ניט פארשטאנדיק, דער מיטעלער רבי האט געהאלטן בא אזא דרגא, אבער א בר מצוה אינגעל אין תש"ל, וואס ער פילט דאך נישט מקיפים דבינה, פארוואס זאל ער נישט שלאפן אין סוכה? און אויך ווי איז דער ביאור בזה ע"פ נגלה.

מ'קען נישט זאגן כנ"ל אז דאס איז מצד מנוחת הנפש ווארום דאס איז ניט תופס מקום בשעת עס רעדט זיך וועגן א מצוה.

קען מען דאס מסביר זיין לויט א חידוש פון דער ראגאצובער. וואס ער שטעלט זיך אויף דעם וואס די גמרא זאגט וואס מ'דארף אלץ טאן בסוכה שטייט אוכל ושותה ודר וכו', אזוי אויך אין רמב"ם שטייט אויך דער לשון, עס ווערט אבער ניט דערמאנט דער לשון "וישן", אע"פ אז שינה דארף אויך זיין בסוכה, ווי עס ווערט דערמאנט אין משנה און אין גמרא, און ווי דער משנה הישן תחת המטה כישן תחת הגג, פארוואס רעכנט מען ניט אויס ניט אין גמ' און ניט אין רמב"ם "וישן".

ואדרבה, שינה מוז מער זיין אין סוכה ווי אכו"ש, ווארום אן אכילת ארעי, ווי פירות וכיו"ב איז מותר לאכול חוץ לסוכה, און דאס וואס מ'דארף עסן אין סוכה אלץ חיוב איז נאר איין כזית בלילה הראשון, ממילא קען ער דאך עסן בלויז דעם כזית, און די איבעריקע צייט וועט ער עסן אזוינע מאכלים וואס זיינען ניט מחוייב בסוכה.

אבער שינה האט ער דאך קיין ברירה ניט, ווארום כנ"ל האומר שבועה שלא אישן ג' ימין מלקין אותו וישן לאלתר, ד.ה. אז עס קען ניט דורך גיין קיין דריי טעג אן שלאפן, און דאס איז דאך צוויי מאל דריי, במילא מוז ער דאך שלאפן אין סוכה, ביז אז דער דין איז אז אפי' שינת ארעי איז אויך מחוייב בסוכה.

אויף דעם טוט אויף דער ראגאצובער, אז עס איז דא דער ענין פון מצות ישיבת סוכה, און דער איסור פון אכילה חוץ לסוכה. ע"ד ווי פסח איז פאראן א חיוב פון אכילת מצה בלילה הראשון, און כל שאר הימים איז נאר א איסור עסן חמץ.

דעריבער אוכל ושותה דאס איז דער מצות סוכה, משא"כ שינה איז דאס ניט קיין חיוב מצד סוכה נאר אויב ער וויל שלאפן, מוז דאס זיין אין סוכה, וויילע חוץ לסוכה טאר מען ניט שלאפן, און אויב ער וויל ניט שלאפן אדער אויב עס וואלט געווען מעגליך בלא"ה, וואלט בא אים עי"ז ניט געפעלט אין קיום מצות סוכה.

דערפון איז טאקע דער דין אז הישן תחת המטה כישן תחת הגג, ווארום אויב ער שלאפט מוז עס זיין אין סוכה, און תחת המטה איז דאס פונקט ווי תחת הגג, ניט בסוכה, דאס האט אבער ניט קיין שייכות צו קיום מצות סוכה, נאר דער איסור פון שינה חוץ לסוכה (צ"פ להרמב"ם הל' סוכה פ"ו ה"ב).

דאס וואלט טאקע געווען א תי' אבער ניט פאר אונז, ווארום דער אלטע רבי אין שו"ע ברענגט אויך דעם דין, און זאגט אז מצות סוכה איז "אוכל ושותה וישן".

דערפון זעט מען אויך וויפל דער שו"ע פון אלטן רבי'ן איז מדויק, און עס איז ניט סתם א ספר המצות, נאר מ'קען אפלערנען פון יעדן ווארט. און דא זעט מען אז דער אלטער רבי לערנט אז שינה בסוכה איז דאס ניט נאר א ענין כדי ניט עובר זיין אויף איסור חוץ לסוכה, נאר דאס איז א טייל פון קיום מצות סוכה. און ע"ד ווי געוערעדט אמאל דאס וואס דער אלטער רבי זאגט אין אגה"ת (פ"א) "מצות התשובה", וואס דערמיט טוט ער אויף אז תשובה איז א מצוה.

און אין שו"ע הב"י איז ער מעתיק דעם לשון הרמב"ם, און דאס איז קיין פלא ניט, און דער רמ"א זאגט יא "ישן", און דער אלטער רבי שרייבט ווי דער רמ"א.

דערפון קען ארויסקומען נאך א נפק"מ: תוספות פרעגט (ברכות יא, ב) פארוואס מ'מאכט ניט קיין ברכה אויף שינה בסוכה, און ער ענטפערט אז עס קען אמאל ארויסקומען א ברכה לבטלה, אויב ער וועט ניט אנטשלאפן ווערן.

אבער לויט דעם ראגאטשאווער קען מען ענטפערן, אז דאס איז ווייל שינה איז ניט קיין ענין אין סוכה נאר אין שינה, דער אלטער רבי אבער פסק'נט אז מ'דארף אויף שינה יא מאכן א ברכה, זעט מען דאך אז דער אלטער רבי לערנט אז שינה איז א טייל פון דער מצוה. וואס דאס איז א הוכחה נוספת אז שינה איז א חלק פון מצות סוכה.

עפ"ז איז נאך מערער ניט פארשטאנדיק דער מנהג חב"ד אויף ניט שלאפן אין סוכה.

האט זיך גערעדט (בהתוועדות דיום ב' דחגה"ס) אז דאס איז אלץ מצטער פטור מן הסוכה.

און מ'האט דאס מסביר געווען דערמיט וואס די גמרא זאגט אז בנוגע להדסים אז עס דארף זיין משולשים ג' עלים בקנה אחד. ווי איז אז עס איז פאראן שני עלים בקנה אחד ועלה התחתונה עולה על גביהן, זאגט ר' כהנא אז דאס איז כשר. דערנאך ווערט דערציילט אז ר' אדא בר אהבה האט מהדר געווען נעמען דוקא אזא הדס וואס האט תרי עלין בקנה אחד והשלישית עולה על גביהן. און די גמרא איז מסביר, אז ער האט אזוי געטאן כיון דנפיק מפומי' דר"כ, וואס ער איז דאך געווען זיינע א תלמיד, האט ער געוואלט ווייזן, אז ער איז תלמידו של ר"כ און ער פירט זיך בדרכיו, האט ער מהדר געווען נעמען אזא הדס וועט מען זען אין זיין לולב א הדס וואס ב' עלין בקנה אחד ועלה השלישית עולה על גביהן, וועט מען דורך דעם זען אז ער איז תלמידו.

אע"פ אז לדעת ר"כ איז דאך ג' עלין בקנה א' אודאי גוט, ער איז נאר מחדש אז ב' עלין וכו' איז אויך גוט, וויבאלד אבער אז ניט אין דעם האט זיך באשטאנען דער נפיק מפומי' דר"כ, ווארום אין דעם זיינען דאך כו"ע מודה, האט ער ניט גענומען אזא הדס, נאר אזא וואו עס איז ניכר דער חידוש פון זיין רבי'ן, רב כהנא.

דערפון איז אויך פארשטאנדיק בנוגע לעניננו, אז מ'דארף ניט זיין אין די דרגא פון דער מיטעלער רבי'ן, ומי פתי וואס זאל זאגן אז ער שטייט בדרגא כזו, מ'דארף אבער זיין דורך גענומען מיט דעם נפיק מפומי' דר"כ, און אויב ער איז דאס מרגיש, ווי קען ער שלאפן אין סוכה?

ווארום ער איז זיך מצטער מצד דעם ווארט פון מיטעלער רבי'ן, און ע"פ דין איז המצטער פטור מן הסוכה. און דער דין פון מצטער איז ניט נאר ווען דער צער קומט פון די סוכה אליין, נאר אפי' ווען עס קומט אויך פון א דבר צדדי, נאר ער האט א עצה דערצו דורך ארויסגיין פון סוכה, איז ער אויך פטור מן הסוכה. ווי דער דין אז בשעת הגשם - וואס דאס איז דאך א דבר צדדי בהסוכה, ניט ווי די ריח הסכך וואס אים שטערט וכו' - דארף מען ארויסגיין מהסוכה, ווארום אויב דאס וואלט געווען בבית וואלט ער דאך ארויסגעגאנגען מדירתו, און עס דארף דאך זיין תשבו כעין תדורו (בענין זה ראה בארוכה בשיחת יום ב' דחגה"ס).

דערפאר איז ווי נאר ער דערהערט אז שינה בסוכה איז א סתירה צו מקיפים דבינה, איז ער מצטער צו טאן פארקערט, דעריבער שלאפט מען ניט בסוכה.

אע"פ אז פון שינה בסוכה האט ער ניט קיין צער מטעם מקיפים דבינה, האט ער אבער צער פון דעם גופא וואס ער האט ניט קיין צער, וואס ער פילט ניט דעם ווארט פון מיטעלער רבי'ן, און אים שלאפט זיך אין סוכה, וואס מצד דעם איז ער פטור פון שינת סוכה.



הנחה פרטית בלתי מוגה

און וויבאלד אז נפיק מפומי' דר"כ, ער הערט נאך אז דער מיטעלער רבי זאגט מ'זאל אין סוכה נישט שלאפען, הייבט ער זיך אויף און נעמט די בעט און גייט ארויס פון סוכה.

ווארום אויב ער וואלט געהערט פון רבי'ן וועגען א דירה ער זאל אין איהר ניט וואוינען וואלט ער דאך זיכער אזוי געטאן, ער וואלט גלייך צוגענגאנגען צום צימער און ארויסגענומען די בעט וכל ענינין, און וואלט אוועק אין א צווייטען חדר, און וויבאלד עס דארף דאך זיין תשבו כעין תדורו, טוט ער אזוי אויך בנוגע צו סוכה, אז גלייך נעמט ער ארויס די בעט פון סוכה און גייט אוועק למקום אחר.

יעדער ענין איז דאך געשמאקער ווען עס קומט אראפ אין א מעשה בפועל, איז עס א בפירושע גמרא.

די גמרא אין סוכה דערציילט א מעשה מיט ר' יהושע בן חנני', וואס ער איז דאך געווען א לוי, בזמן שביהמ"ק הי' קיים, און ער איז געווען מן השוערים, זאגט ער אז בשבה"ש לא טעמנו טעם שינה. פרעגט די גמרא האומר שבועה שלא אישן ג' ימים מלקין אותו וישן לאלתר, כ"ש אז עס רעדט זיך וועגען זיבען טעג. -

- אע"פ אז עס איז נישט ברור צי בזמנו של ריב"ח איז שוין געווען די גזירה נישט מאכען שבה"ש ביום ראשון, עס איז אבער ברור אז די גזירה איז געווען בזמן שביהמ"ק הי' קיים, איז דאס זעקס טעג אודאי געווען בזמנו, איז ווי זאגט ער לא טעמנו טעם שינה?

און די גמרא ענטפערט אז ער מיינט בלויז אז לא טעמנו טעם שינה, ווייל עס איז געווען מנמנם, האט מען ניט געהאט קיין געשמאק אין די שלאף. און אעפ"כ איז עס א הפלאה אז לגבי שמחת ביה"ש איז דער נמנום ניט תופס מקום, מצד מעלת וגדולת שמחת ביה"ש.

די גמ' באגנוגנט זיך אבער ניט בלויז מיט דעם, נאר איז מוסיף נאך צוויי ווערטער - וואס זיינען לכאורה איבעריג - "אכתפי' דחברי'". ולכאורה למאי נפק"מ?

נאר בנוגע לענינינו - לערנט מען דערפון אפ, וויבאלד אז די שינה איז געווען אכתפי' דחברי' ווייזט דאס אז דער שינה איז געווען אדער בשעת שבה"ש אדער בעת התפלה והקרבן ובביהמ"ד וכו', אבער נישט אין סוכה, ווארום אין סוכה איז נאר געווען אכו"ש, ווי ער זאגט דארטען אז מ'האט מפסיק געווען לאכו"ש בסוכה, אבער נישט שינה, ווארום וויבאלד ער זאגט אז דאס איז געווען אכתפי' דחברי', קען דאך דאס ניט זיין בעת האכילה, ווארום ווי קומט ער יעמאלט צוזאמען מיט די חברים, נאר עס דארף זיין אזא זמן ווען ער איז געווען מיט די חברים, וואס דאס איז כנ"ל בעת שבה"ש וכיו"ב, אבער ניט אין זמן ווען זיי זיינען געווען אין סוכה.

דערפון לערנט מען אפ א דבר נפלא, אז דער נמנום איז נישט געווען בסוכה, אכו"ש איז יא געווען אין סוכה, אבער שינה איז געווען חוץ לסוכה.

לכאורה וואלטן זיי געקענט אראפנעמען א פאר רגעים אויף נמנום - טאקע נישט שינה - אין סוכה, בשעת זיי זיינען דארט געווען, איז דערפון מובן אז בעת שבה"ש איז מען נישט געשלאפען אין סוכה, וכנ"ל אז עס איז בהכרח אז דאס איז נישט געווען בעת אכו"ש, נאר ברוב היום ווען ער איז געווען צוזאמען מיט די חברים.

דערפון קען מען ארויסנעמען, אז בנוגע לשינה בסוכה, איז דאס נישט אזוי נוגע למצות סוכה. דערפאר האט זיך נישט געלוינט אראפנעמען אפילו איין רגע קטן פון שבה"ש אויף דערוף. וכדמוכח דערפון וואס אויף אכו"ש האבן זיי יא אראפגענומען אע"פ אז מ'האט דאך געקענט עסן אן אכילת עראי, וואס דאס דארף מען נישט עסן אין סוכה, אעפ"כ האבן זיי געגעסען אזא אכילה וואס מ'דארף אויף דעם מאכען א ברכה - אקב"ו לישב בסוכה - האט מען דאך אויך געקענט אזוי טאן בנוגע לשינה, מנמנם זיין בסוכה, וואס אויף דעם איז אויך דא א חיוב ברכה, פונדעסטוועגען זיינען זיי נישט געשלאפען אין סוכה, נאר דעם נמנום איז געווען ברוב מציאות פון טאג אכתפי' דחברי', אבער נישט אין סוכה.

וואס דאס איז געווען מצד דערויף וואס זיי האבן אנגעהערט דעם אור פון ביהמ"ק וואס דארט איז געווען אלקות בגלוי, וואס דערפאר האט מען געמאכט אין ביהמ"ק חלונות שקופים אטומים לפי שמשם אורה יוצאת לכל העולם כולו. נישט נאר ווען ער וועט זיך מתבונן זיין במעשיו.. רמב"ם... וואס אזוי איז דאס בכל העולם... און די מקיפים און גרויסען אור פון ביהמ"ק האבען מבלבל געווען זיין שינה. עד"ז בנוגע לשינה בסוכה איז די מקיפים דבינה שטערן פון שלאף.

עפי"ז איז מבואר אויך ע"פ נגלה, פארוואס בא חב"ד שלאפט מען נישט אין סוכה, ועד"ז לנוגע לנוי סוכה, כפי שית' לקמן.

י. דער ענין פון נוי סוכה איז א דין נישט נאר בנוגע לסוכה, נאר אזוי אויך בא אלע מצות, און ווי די גמרא ברייננגט דער לימוד זה א-לי ואנוהו, התנאה לפניו במצות, טלית נאה, ס"ת נאה וכו'. ביז אז עס ברייננגט זיך אין פוסקים אז דער יסוד איז דער דרש.

דערצו איז דא נאך א ענין וואס דער רמב"ם ברייננגט, און דער מקור אויף דעם איז אין ספרי זוטא, וואס דאס איז א ספר שאינו מצוי, און מ'זאגט אז דער רמב"ם האט דאס יא געהאט. דער לשון הרמב"ם אין יד החזקה איז דאך מדויק ומקוצר בדוגמת לשון המשנה וואס איז בקיצור און א מועט המחזיק את המרובה.

איז דא א דין וואס דער רמב"ם זאגט דאס אין סוף הל' איסורי מזבח. כל השמנים כשרים למנחות, און ער רעכענט אויס אז עס זיינען פאראן ט' מיני שמנים, ולכאורה למאי נפק"מ אויסרעכנען אלע ניין, למנורה איז דאך כשר נאר די ערשטע, ולמנחות זיינען דאך אלע כשר, אפי' די לעצטע, האט ער געדארפט דערמאנען נאר די ערשטע און די לעצטע, נאר דאס איז כדי צו ווייזען, אז אויב מ'קען דארף מען אלץ נעמען מהמובחר, און ער ברייננגט אויף דעם דעם פסוק "כל חלב להוי'".

פון דעם לערנט מען אפ אויך על כל המצות, בדומגת ענין הצדקה, וואס דאס איז פארבונדען מיט מזון דארף דאס זיין מן היפה, עד"ז צדקה וואס איז פארבונדען מיט א לבוש דארף דאס זיין מן היפה, ועד"ז בית דארף אויך זיין מן היפה.

- ודא"ג איז דאס די ג' חלוקות וועלכע ריידען זיך אין חסידות פון מזון לבוש און בית, ווי שוין אמאל גערעדט בארוכה.

אזוי אויך יעדער ענין וואס איז תלוי בתומ"צ דארף זיין מהיפה ומהמשובח כל חלק להוי', וואס דער פסוק רעדט זיך דאך בנוגע לקרבנות, אז מ'דארף ברייננגען דער משובח שבגוף הבהמה, ועד"ז בכל הקרבנות, ווארום כל לה' דארף זיין מחלב, מהמשובח.

דערפאר איז וואס ער האט מקריב געווען בכורות וכו' ומחלבן, איז נתקבל געווארן זיין קרבן, משא"כ קרבנו של קין וואס איז נישט געווען מהמשובח.

וואס דער זעלבע דין זאגט דער רמב"ם אין הל' צדקה מיט כמה שינויים, וואס אין כאן מקומם. ביז אז עס קומט ארויס פון דעם כמה נפק"מ לדינא.

דערנאך איז פאראן נאך א לימוד וואס די גמרא זאגט, אז מ'לערנט ארויס פון זה א-לי ואנוהו וגו' התנאה לפניו במצות, עשה טלית נאה ס"ת נאה וכו', און בוסף ללימוד זה איז דער לימוד וואס דער רמב"ם זאגט פון כל חלב לה'.

אע"פ אז דער רמב"ם כאפט אן צוויי לשונות יפה און משובח, איז ע"פ פשטות קען מען דערפון נישט טיילען. די ראי' פון רמב"ם איז פון כל חלב און נישט פון זה א-לי, וואו איז דער מקור לדברי הרמב"ם? אויף דעם זאגט ער אין כס"מ, "הן דברי רבינו ראויין אליו", וואס דערפון איז משמע אז דער כס"מ האט נישט געפונען קיין מקור לדברי הרמב"ם האלו.

עס איז אויך פאראן נאך א ענין בדוגמא להנ"ל, און דאס איז דער דין פון עשיר שהקריב קרבן עני לא יצא. הגם אז ביידע זיינען קרבנות, און ביידע זיינען מכפר. וואלט מען געקענט זאגען אז דאס איז א גזה"כ, אז דאס הייסט כאילו ווי ער האט מקריב געווען אזא זאך וואס איז נישט שייכות צו איהם, אבער אז מ'וויל אריינגיין אין דעם ע"פ סברא, קען מען זאגען אז דאס האט א שייכות צו דעם לשון הרמב"ם פון כל חלב לה'.

ויתן לך האלקים מטל השמים "וגו׳", וואס איז דא נוגע דאס וואס עס שטייט ווייטער? וכפי שיתבאר לקמן.

ז) איצטער וועט מען זיך אומקערן צו דעם וואס מען האט גערעדט (ביום ב׳ דחה"ס וביום שמח"ת) בנוגע לשינה בסוכה. וואס איך האב געהערט א גירסא בשמי אז איך האב געזאגט אז מען טאר ניט שלאפן אין סוכה - איז דאס בפירוש ניט אמת, ואדרבה: דער וואס וויל - זאל שלאפן געזונטערהייט, ושכבת וערבה שנתיך, און עס זאל זיך אים חלום׳ען גוטע חלומות וכו׳, און קיינער זאל אים ניט שטערן. (חסר קצת)

דאס וואס איך האב גערעדט, איז געווען אויף פארענטפערן מנהג דבותינו וכו׳, ומנהג חב"ד, אויף ניט שלאפן.

האט מען געבראכט אז דער ענין פון סוכה איז מקיפין דבינה, און דער מיטלערער רבי האט געזאגט אז ווי קען מען שלאפן בשעת עס ווערט נמשך דער ענין פון מקיפין דבינה.

דאס איז אבער בשעת ער האלט ביי דעם, און מ׳פילט מקיפין דבינה, אבער סתם א איד, א חסיד בימינו אלה, וואס האלט ניט ביי דעם, והראי׳ מען זעט אז ער ווערט טאקע אנשלאפן אין סוכה, פארוואס דארף ער ניט שלאפן?

האט מען גערעדט אז דא קומט אריין דער ענין פון מצטער פטור מן הסוכה - אז וויבאלד דער מיטעלער רבי האט געזאגט אז מען דארף ניט קענען שלאפן אין סוכה, איז אעפ"י אז ער איז דאס ניט מרגיש, קריינקט ער אבער פארוואס ער פילט דאס ניט, און אויב ער קריינקט ניט פארוואס ער פילט ניט, קריינקט ער פארוואס ער קריינקט ניט פארוואס ער פילט עס ניט. ובמילא וויבאלד אז עי"ז ווערט ער א מצטער, איז ער פטור מן הסוכה.

וואס מצטער איז לאו דוקא אז דאס קומט פון די סוכה אליין, ווי ריח הסכך וכו׳, נאר אפילו גשם, ווי גערעדט (ביום ב׳ דחה"ס וביום שמח"ת), וואס דאס איז דאך ניט פון די סוכה אליין, נאר דאס קומט מבחוץ, נאר עי"ז וואס ער זיצט אין סוכה דערגייט דער רעגן צו אים, איז ער אויך א מצטער ופטור, וכמבואר הטעם בתוספות, אז וויבאלד תשבו כעין תדורו, ובביתו וואלט ער דאך בכה"ג ניט געלעבט דארטן, בלי שום נפק"מ צי דער צער איז מביתו אליין אדער עס איז אן אנדער ענין, ובמילא איז ער אויך פטור מן הסוכה.

דאס איז אויך א מענה להשואלים, אז לכאורה איז דער דין פון מצטער פטור מן הסוכה דוקא אויב עס איז א צער גשמי, פון וואנעט ווייס מען אבער אז אפילו מצד א צער רוחני, ווי בנדו"ד, איז ער אויך פטור?

איז ראשית, מען זעט בנוגע לתורה אז אויב בביתו קען ער זיך מעיין זיין בעסער, איז ער פטור מן הסוכה - והרי זהו ענין רוחני;

והב׳: מצד תשבו כעין הדורו, איז דאך ניטא קיין נפק"מ וואס

<u>הנחת הה׳ בלתי מוגה</u>

וואס פאר א צער עס איז, ווארום בביתו אויב ער וואלט האבן א צער, צי גשמי צי א צער רוחני, וואלט ער לפועל אוועק; אפילו פאר א צער רוחני וואלט ער דארפן ניט געלעבט – איז עד"ז אויך בנוגע לסוכה, אז באופן כזה איז ער פטור.

לכאורה אבער איז אלץ ניט פארשטאנדיק: דער מיטעלער רבי אליין האט דאך געזאגט א מילתא בטעמא – אז מ'שלאפט ניט אין סוכה מצד מקיפין דבינה; איז לפי"ז איינער וואס פילט דאס ניט, דארף ער דאך זיין מחוייב לישן בסוכה, און ער האט דאך ניט קיין צער פון שלאפן אין סוכה, ווארום דער מיטעלער רבי אליין זאגט אז אזא ווי ער וואס פילט ניט מקיפים דבינה, דארף יא שלאפן אין סוכה; איז ווי זאגט מען אז אפילו איינער וואס פילט ניט, איז אויך פטור?

אויף דעם האט מען געבראכט די דוגמא וואס די גמרא (סוכה לב,ב) זאגט בנוגע ר' כהנא, אז ער האט מכשיר געווען הדסים אפילו אויב צוויי עלים נעמען זיך מקנה אחד והשלישי מקנה שני;

זאגט די גמרא אז ר' אחא האט מהדר געווען נעמען דוקא די הדסים וועלט זיין געווען שנים מקנה אחד ואחד מקנה שני, אעפ"י אז עס איז מער הידור נעמען אזא וואס איז שלשה מקנה א', האט אבער ר' אחא, וואס ער איז געווען תלמידו של ר' כהנא, מהדר געווען אין דעם, "הואיל ונפק מפומי' דר' כהנא"; ווארום אויב ער וועט נעמען שלשה מקנה א', דעמאלט וועט ניט זיין קענטיק אז ער טוט און קאכט זיך אין וואס ר' כהנא האט געזאגט; וואו איז קענטיק אז ער קאכט זיך אין דעם וואס ר' כהנא האט געזאגט, איז דאס בשעת ער נעמט אזא הדס וואס איז שנים מקנה א' והשלישי מקנה שני, וואס דאס איז ר' כהנא'ס אן אויפטו.

ועד"ז בעניננו: א חסיד וויל דאך זיכער טאן וואס דער מיטעלער רבי האט געזאגט, איז אויב ער וועט שלאפן אין סוכה, וועט דאך ניט זיין קענטיק אז ער קאכט זיך אין דעם וואס דער מיטעלער רבי האט געזאגט, בשעת אבער ער שלאפט ניט, דעמאלט איז עס ניכר.

די שאלה איז אבער: אויב טאקע באמת איז סוכה און שלאפן א סתירה, ווי קען טאקע זיין אז דער אויבערשטער זאל הייסן אז מען דארף יא שלאפן אין סוכה, ביז אין אן אופן אז דאס איז א מצוה, ניט ווי מצה בפסח, וואס מ'מוז ניט עסן מצה גאנץ פסח; מ'טאר בלויז ניט עסן קיין חמץ, משא"כ בסוכות איז שינה בסוכה א מצוה. כמבואר בשו"ע אדמוה"ז אז ס'איז א מצוה לישון?

ועד"ז ווי קומט עס אז בדורות הראשונים, תנאים ואמוראים וכו' זיינען זיי יא געשלאפן אין סוכה, בשעת אז לכאורה איז עס א סתירה?

אויך דארף מען פארשטיין: בשעת חנוכת ביהמ"ק האט דאך זיכער מאיר געווען א סך א העכערער אור ווי אין סוכה, וואס דאס איז געווען שבעת ימים ושבעת ימים, וכמבואר בתנ"ך בהפטורת שמע"צ

שמע"צ, און ביום השמיני שלח את העם וגו׳, ולכאורה ווי קען זיין אז אין יענע ימים, בשעת עס זיינען נמשך געווארן מדרגות נעלות וכו׳, האבן זיי געשלאפן; און מ׳קען ניט זאגן אז זיי זיינען ניט געשלאפן, ווארום דאס איז דאך ניט במציאות, און ווי גערעדט אז האומר שבועה שלא אישן ג׳ ימים מלקין אותו וישן לאלתר, ווארום מען קען ניט גיין אן שלאפן מער ווי שלשה ימים?

דאס איז אבער קיין קשיא ניט, ווארום מען זעט אז בשעת עס איז פאראן אין שטוב א גרויסער ליכט, איז דאס מבלבל פון שלאפן, אויב אבער עס איז פאראן.א ס"ת, וואס דאס איז א סך א גרעסערער אור ווי א ליכט, איז דאס ניט מבלבל; ווארום שלאפט ער בגשמיות, ובמילא איז א אור רוחני ניט מבלבל, וואס דערפאר קען זיין אז עס זאל ליגן א ספר און א מאמר וכו׳ און ער זאל קענען שלאפן, ביז אז ס׳קען זיין אז אינמיטן לערנען א מאמר זאל ער אנשלאפן ווערן.

ועד"ז איז אויך בנוגע לחנוכת ביהמ"ק: דאס איז אזא ענין נעלה אז עס האט קיין שייכות ניט מיט גשמיות, ובמילא האט עס ניט קיין ווירקונג אויף אים אז ער זאל ניט שלאפן, משא"כ דער ענין פון מקיפין דבינה וואס איז פאראן אין סוכה, איז דאך דאס אן ענין וואס איז פועל אויף אים בגשמיות, אז בשעת ער איז פאראן אין סוכה ווערט במילא נמשך דער ענין פון מקיפין דבינה, ווארום סוכה נעמט אים ארום בגשמיות וכו׳, במילא שטערט עס אים בגשמיות צו זיין שלאפן.

נוסף לזה: אין דעם ענין פון חנוכה ביהמ"ק, איז דער שלאפן און דער ענין פון חנוכת ביהמ"ק געווען אין צוויי באזונדערע ענינים, און איין ענין איז ניט מבלבל להשני, משא"כ בנוגע לשינה בסוכה, איז דאך סיי שינה בסוכה א מצוה אין סוכה, און סיי דער ענין פון מקיפין דבינה איז אן ענין אין מצות סוכה גופא, ובמילא וויבאלד אז זיי זיינען אין דעם זעלבן ענין, איז איין ענין מבלבל להשני.

נאר מען דארף פארשטיין כנ"ל: לכאורה ווי קען טאקע זיין אז דער אויבערשטער זאל אנזאגן אז מען דארף שלאפן אין סוכה בשעת עס איז לכאורה א סתירה, ועד"ז ווי קומט עס אז בדורות הראשונים איז מען געשלאפן אין סוכה?

נאר דא קומט אריין דער ענין וואס מען האט אמאל גערעדט, וואס רש"י זאגט אז מלמד שבחו של אהרן שלא שינה, ולכאורה וואס איז דאס פאר א מעלה אויף אהרן שלא שינה; אפילו א איש פשוט וועט ער הערט פון אויבערשטן ווי מען דארף טאן, וואלט ער אויך ניט משנה געווען, וכמבואר באגה"ק?

האט מען גערעדט אז אדרבה, דוקא אהרן, וואס ער האט געוואוסט אלע כוונות מיט אלע יחודים וכל המעלות וואס איז פאראן אין הדלקת המנורה - אפילו כוונות כפשוטן אז משם יוצא הורה לכל העולם, ועדות היא לישראל שהשכינה שורה וכו׳, און אלע כוונות אין פנימיות התורה, און אעפ"כ איז ביי אים ניט געווען

הנחה הת׳ בלתי מוגה

געווען קיין שינויים אין די הדלקה בגשמיות, איז עס א שבת.
ד.ה. אז ער איז געווען א בעה"ב אויף זיך, אז די התפעלות
זאל ניט פועל'ן אז ער זאל אויסגיסן דעם שמן, און ער האט
אלע אנגעצונדן כלפי מעריב, און איז ניט אראפגעפאלן פון די
טרעפ וכו'.

איז די הפלאה אויף אהרן דוקא, אז אעפ"י ער האט גע-
וואוסט אלע כוונות וכו', פונדעסטוועגן האט דאס אים ניט
מבלבל געווען. משא"כ ביי א פשוט'ן איד איז דאס ניט קיין
הפלאה.

וכהסיפור אז בשעת דער מגיד פלעגט זאגן תורה זיינען
אלע תלמידים געווען בהתפעלות וכו' און קיינער האט ניט דער-
הערט ביזן סיום; איינער פלעגט שפרינגען ביזן סטאליע וכו',
א צווייטן פלעגט אנכאפן שלשול, וכו' וכו', דער אלטער רבי
אבער פלעגט שטיין און אויסהערן די גאנצע תורה וכו'. וואס
דאס איז מצד גדלות המוחין שלו. איז אויך דא די הפלאה דוקא
ביי דעם אלטן רבי'ן, אז אעפ"י ביי אים איז געווען די השגה
וכו', פונדעסטוועגן האט עס אים ניט מבלבל געווען, אבער ביי
א איש פשוט וואלט דאס ניט געווען קיין הפלאה.

ועד"ז אויך בעניננו: בדורות הראשונים איז ניט געווען
קיין סתירה פון שלאפן און מקיפין דבינה, ווארום ביי זיי האט
געקענט זיין ביידע ענינים, און עס האט ניט מבלבל געווען,

משא"כ בשעת אז נתמעטו הדורות, דעמאלט קען מען ניט
האבן ביידע ענינים, און שלאפן איז א סתירה צו מקיפין דבינה.

נוסף לזה: פריער איז פנימיות התורה געווען בלויז
פאר יחידי סגולה, און אפילו די וועלכע האבן יא געלערנט פני-
מיות התורה – ווי עס שטייט אין זוהר אויף כי ישרים דרכי הוי',
אז די תנאים וכו' האבן צוגעטראפן אלץ וואס זיי האבן געזאגט
צו זייער שרש נשמה למעלה – איז דאס אבער געווען בהעלם (חוץ
פון רשב"י וחבריו).

ובמילא: די וועלכע האבן געוואוסט וועגן מקיפין דבינה
איז ביי זיי האט עס ניט מבלבל געווען כנ"ל, און עס האט געקענט
זיין ביידע ענינים בבת אחת, און סתם אידן האבן דאך ניט געלערנט
פנימיות התורה, האבן זיי טאקע דערפון ניט געוואוסט, במילא
האבן זיי געקענט שלאפן.

משא"כ איצטער, וואס ווי דער אלטער רבי בדריינגט פון
רח"ו, איז מצוה לגלות זאת החכמה, ווייסן אלע דערפון, נאר
ניט אלע קענען נעמען ביידע ענינים צוזאמען, ווארום שלאפן
איז א סתירה למקיפין דבינה, קען מען ניט שלאפן אין סוכה.

וואס פאר א שייכות האט עס מיט דעם מיטעלן רבי'ן דוקא?

איז עס בדוגמת ווי מען זאגט אז הלכתא כרב באיסורי
וכשמואל בממונא – איז דאך ניט דער פירוש אז רב האט געלערנט
בלויז איסורי, ווארום ער האט זיכער געלערנט אלץ, ועד"ז שמואל
האט אויך געלערנט איסורי, דער חילוק איז נאר אין וואס זיי

האבן

האבן זיך געקאכט: רב האט זיך געקאכט מער באיסורא ושמואל בממונא, וכמבואר בכללי הש"ס.

ועד"ז בעניננו: ביי יעדערן איז פאראן זיין ענין אין וואס ער קאכט זיך; דער מיטעלער רבי האט זיך געקאכט אין סוכה בענין הבינה, משא"כ די אנדערע, ווי הלמידי המגיד וכו׳, זיי האבן זיך געקאכט אין אן אנדער ענין אין סוכה - ווי מברר זיין באופן דאכו"ש וכו׳, וואס דאס איז דאך אויך פון מצות סוכה.

וכמבואר, אז אעפ"י אין מאור איז ניטא קיין התחלקות, איז אבער מבואר אז דער בעש"ט איז כתר, דער אלטער רבי איז חכמה, דער מיטעלער רבי איז בינה, והצ"צ איז דעת, מפתחא דכליל שית.

וואס דעריבער זעט מען אז די מאמרים פון דעם מיטעלן רבי׳ן איז באריכות ההסבר וכו׳, באופן של ההרחבות דבינה; און די מאמרים פון כ"ק אדה"ז זיינען בקיצור באופן של נקודה דחכמה, לפי ערך דעם מיטעלן רבי׳ן, ומאמרי כ"ק אדמו"ר הצ"צ איז ענין הדעת דכליל שית דבלול ממקרא משנה וגמרא דרוש קבלה וזוהר און חסידות וכו׳.

ובמילא וויבאלד אז דער מיטעלער רבי האט זיך געקאכט בענין הבינה, דעריבער האט ער מגלה געווען דעם ענין פון מקיפים דבינה בסוכה; איז במילא ביי אים מאיר שטארק מקיפים דבינה; קומט אויס מצד אים אז מען קען ניט שלאפן אין סוכה, משא"כ ביי אנדערע.

וואס דערפאר געפינט מען אויך ניט ערגעץ אז דער אלטער רבי איז ניט געשלאפן אין סוכה, ווארום ענינו איז חכמה און ניט בינה, האט ער געקענט שלאפן אין סוכה.

ועוד ענין בזה: ענין השינה איז דאך בלויז אויף די התפשטות, משא"כ די נקודה שלאפט ניט, ווארום עס בלייבט דאך א קיסטא דחיותא, די נקודת החיות, ווי פריער; דער חילוק איז אין התפשטות החיות - דאס שלאפט, איז מצד דעם אלטן רבי׳ן, שעינינו הוא נקודה, שטערט אים ניט שלאפן, ווארום די נקודה בלייבט סיי-ווי ווי פריער אפילו בשעת השינה, משא"כ ביי דעם מיטעלן רבי׳ן שענינו התפשטות, איז יא פאראן א שינוי, ובמילא איז דאס מבלבל דעם שלאפן, ובמילא מצד דעם מיטעלן רבי׳ן שעינינו התפשטות - שטערט סוכה דעם שלאפן.

ובמילא אלע וואס גייען בדרכי החסידות, טוען אויך אזוי און שלאפן ניט אין סוכה.

דער עיקר איז אבער, אז ניט איך האב געזאגט אז מען טאר ניט שלאפן, און אויב אימעצער שלאפט זאל מען אים אויפ-וועקן - זאל מען עס ניט טאן, ועאכו"כ ניט בשמי, נאר אדרבה, ושכבת וערבה שנתיך; דאס וואס מען איז געקומען, איז אויף מבאר זיין מנהג גדולים וטובים, וואס מען האט געזען אז די רביים זיינען ניט געשלאפן אין סוכה ניט קיין שינת עראי און ניט

ניט קיין שינת קבע. ועד"ז כ"ק מו"ה אדמו"ר - אעפ"י אז ניט אלע נאכט האט מען געזען, דאס האבן נאר געזען די מקורבים, איז אבער געווען כמה לילות וואס מען האט געזען אז ער איז ניט געשלאפן בסוכה, איז דער ביאור בזה כנ"ל.

ח. איצטער בנוגע לאגרת התשובה: עס איז מבואר בזוהר אז יעדער איד האט דרגת נפש, אויב זכה יהבין לי' רוח, און אויב זכה מער - יהבין לי' נשמה, און ברתא דמלכא. שמובן מזה אז עס איז פאראן דאס וואס א איד האט מצד עצמו, און עס איז פאראן דאס וואס ער באקומט ע"י עבודתו,. אז עס ווערט נתגלה העכערע דרגות.

באותיות אחרות ובסגנון אחר: עס איז פאראן דער ענין פון ראש שבנשמה, און עס איז פאראן דער ענין פון רגל שבנשמה, וואס באמת האבן אלע סיי דעם ראש שבנשמה און סיי רגל שבנשמה, דער חילוק איז וויפל איז בגילוי - עס זיינען פאראן די וועלכע מדריגת הראש שטייט בגילוי, און עס זיינען פאראן די וועלכע די גאנצע נשמה איז ביי זיי בגלוי - וואס גילוי הנשמה איז גרעסער פון גילוי אלי'.

ובמילא איז פארשטאנדיק אז אין אמת'ן נעמט זיך די נשמה אפילו ווי זי איז למטה פון אלע אותיות דשם הוי', דער חילוק איז נאר וויפל איז בגלוי דא למטה; דאס וואס עס איז בגלוי מצ"ע, איז דאס ה' אחרונה דשם הוי', אבער צו די אנדערע אותיות קען מען צוקומען ע"י עבודה דוקא.

איז אין אגה"ק וואו ער זאגט אז די ד' אותיות זיינען נאר א דוגמא, אבער בעצם איז עס פון ה' אחרונה, רעדט ער וועגן כל הכועס וכו' וכיו"ב, וואס דאס איז ווי די ענינים זיינען למטה, און ווי עס איז מצ"ע, זאגט ער אז די אנדערע אותיות זיינען ניט בגלוי, און בלויז ה' אחרונה איז בגילוי.

וואס דערפאר זאגט ער דא אז המשכה וירידת הנפש איז פארבונדן בלויז מיטן ה"א תתאה, ווייל בגלוי איז ביי יעדערן זיין די ה"א תתאה, אבער ע"י עבודה קען מען אויך מגלה זיין די אנדערע אותיות פון שם הוי' - וואס זיינען אויך פאראן בכאו"א, אבער בלויז בהעלם.

און דאס איז וואס ער זאגט וככה ממש, שישנם ב"פ בממש, כפי' כ"ק מו"ח אדמו"ר אויף חלק אלוקה ממעל ממש: א) מלשון מישוש, וואס דאס איז אן ענין גשמי, ב) פונקט פארקערט - אז דאס איז ממש א חלק אלוקה, ס'איז ממש ווי למעלה; מיינט ער דא דעם ענין פון ממש, אז עס איז פונקט ווי עס איז למעלה.

עס זיינען פאראן די וועלכע ווילן זאגן א חילוק פונקט פארקערט, עפ"י המבואר בלקו"ת, אז ככה איז מלכות ווי די איז אין בי"ע, און כה איז מלכות אין אצילות, איז וויבאלד ער זאגט דא וככה, מיינט ער א דרגא תחתונה.

קען מען אבער אזוי ניט זאגן, ווארום כנ"ל, ער זאגט דאך "ממש", וואס מיינט אז עס איז פונקט ווי עס איז למעלה.

ובמילא

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>